בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת בהר בחוקתי תשע"ח (חו"ל) שבת חזק -מברכין    פרקי אבות פרק ה    גליון 455 [שנה י']

**מקשר צו זיין פ' בהר מיט פ' בחקתי**

אֶת־שַׁבְּתֹתַי תִּשְׁמֹרוּ וגו: אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ וְאֶת מִצְוֹתַי תִּשְׁמְרוּ וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם וְנָתַתִּי גִשְׁמֵיכֶם בְּעִתָּם: וואס איז די שייכות פון שַׁבְּתֹתַי תִּשְׁמֹרוּ, שמירת שבת און בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ וואס די שכר איז וְנָתַתִּי גִשְׁמֵיכֶם בְּעִתָּם? נאר עס שטייט (שבת דף קי"ח) **כל השומר שבת כהלכתו**, דער וואס היט שבת, **נמחלין לו כל עונותיו**, און עס שטייט אין מס' (תענית דף ז ע"ב) **אין הגשמים יורדים**, אויב עס רעגענט, איז א סימן, **אלא אם כן נמחלו עונותיהן של ישראל**, אז מען האט מוחל געווען די עבירות פון כלל ישראל. זעט מען אז דורך שמירת שבת נמחלין עוונות, און ביי מחילת עוונות, איז דא רעגן, איז שוין זייער גוט צו מקשר זיין אֶת־שַׁבְּתֹתַי תִּשְׁמֹרוּ וואס ביי שמירת שבת כהלכתו איז דא מחילת עוונות און דעמאלטס וועט זיין, וְנָתַתִּי גִשְׁמֵיכֶם בְּעִתָּם. (מדרש יהונתן אייבישיץ)

**ארויפקוקן אויפן אבות**

אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ וְאֶת: שטייט אין בעל הטורים אז די ר"ת איז אבות: קען זיין פשט לויטן פסוק אִם לֹא תֵדְעִי לָךְ הַיָּפָה בַּנָּשִׁים צְאִי־לָךְ בְּעִקְבֵי הַצֹּאן (שיר השירים א ח), די שענסטע וועג אין עבודת ה' איז צְאִי־לָךְ בְּעִקְבֵי הַצֹּאן. זאגט רש"י וואס מיינט בְּעִקְבֵי הַצֹּאן? טראכט פון די זעלבע וועג ווי אזוי דיינע עלטערן זענען געגאנגען, וואס זיי האבן מקבל געווען די תורה און געהיטן די מצוות. דאס מיינט אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ וְאֶת, אויב דו ווילסט היטן ריכטיג די מצוות, קוק צו די ר"ת אבו"ת, וואס דאס איז הַיָּפָה בַּנָּשִׁים, די שענסטע עבודה. (בית ישראל השלם למוח"ז אדמו"ר ממאטערסדארף)

**תשובה פארן גיין שלאפן איז א שמירה**

וְנָתַתִּי שָׁלוֹם בָּאָרֶץ: (כ"ו ו) די ר"ת איז 'ושב', תשובה טאן, דורך דעם וואס אידן וועלן תשובה טאן וועט זיין שָׁלוֹם בָּאָרֶץ, לעבן אן א פחד. (צמח צדיק וויזניץ) לויט דעם מהלך וואלט מען געקענט גיין א טרעפל ווייטער: דוד המלך זאגט צו: א מענטש וואס טוט תשובה איז ער זוכה צו שמירה פון מלאכים, אזוי ווי עס שטייט (תהלים צא) כִּי מַלְאָכָיו יְצַוֶּה־לָּךְ לִשְׁמָרְךָ בְּכָל־דְּרָכֶיךָ, און ווען איז מען זוכה צו א שמירה דאס איז ווען כִּי בִי חָשַׁק וַאֲפַלְּטֵהוּ אֲשַׂגְּבֵהוּ "כִּי יָדַע שְׁמִי", וואס מען ווייסט אז דער אויבערשטער איז בעל הבית, וואס דאס מיינט תשובה, ממילא איז זייער גוט וואס שטייט ווייטער וּשְׁכַבְתֶּם וְאֵין מַחֲרִיד, די מלאכים וועלן דיר היטן פון שלעכטע חלומות, וועסטו ממילא גוט שלאפן און נישט מורא האבן פון קיין שלעכטע חלומות. (שמח זבולון תשע"ח)

**א צופרידענע מענטש האט נישט קיין קנאה**

וְנָתַתִּי שָׁלוֹם בָּאָרֶץ וּשְׁכַבְתֶּם וְאֵין מַחֲרִיד: (כ"ו ו) שטייט אין די משנה סוף מס' עוקצין, **אין כלי מחזיק ברכה לישראל אלא השלום**. די כלי צו באקומען די ברכה פון אויבערשטן איז האבן שלום מיט מענטשן, דאס צו מקשר זיין מיט אונזער פסוק, קען מען זאגן, עס שטייט אֹהֵב כֶּסֶף לֹא־יִשְׂבַּע כֶּסֶף (קהלת ה ט), דער וואס האט ליב געלט ווערט קיינמאל נישט זאַט ווערן וויפיל ער האט, און נאכמער ווען ער זעט אז זיין חבר האט עפעס, איז ער אים מקנא און וויל די זעלבע אויך און מער. און עס שטייט דארט (ה יא) מְתוּקָה שְׁנַת הָעֹבֵד אִם־מְעַט וְאִם־הַרְבֵּה יֹאכֵל, אז באמת דער מענטש וואס ארבעט און איז צופרידן מיט וואס ער האט, איז מְתוּקָה שְׁנַת הָעֹבֵד, טוט ער שלאפן רוהיג און זיס, סיי אויב ער האט אסאך און סיי אויב ער האט ווייניג, אבער, וְהַשָּׂבָע לֶעָשִׁיר, אֵינֶנּוּ מַנִּיחַ לוֹ לִישׁוֹן, דאס וואס ער זעט אז דער רייכער האט און איז אים מקנא, דאס לאזט אים שוין נישט שלאפן, ווייל ער דארף אויך. אבער דאס איז שייך ווען עס איז דא קנאה און נישט א נאנטקייט צו יענעם, אבער ווען איינער איז נאנט צו איינעם און האט אים ליב, או איז א צופרידענער מענטש איז ער קיינע נישט מקנא. דאס מיינט שלום, זאגט דער הייליגער תנא, אין כלי מחזיק ברכה לישראל, א מענטש איז געבענטשט אויב ער איז בשלום מיט אלעמען, דאס זאגט רש"י אם אֵין שָׁלוֹם אֵין כְּלוּם, ווייל אָן שָׁלוֹם האט מען נישט קיין מנוחה, ווייל מען איז שטענדיג מקנא יענעם און מען שלאפט נישט רוהיג, אבער אויב וְנָתַתִּי שָׁלוֹם בָּאָרֶץ, מיט אהבה צו אלעמען, דעמאלטס וּשְׁכַבְתֶּם, וועסטו שלאפן רוהיג, וְאֵין מַחֲרִיד, אָן א שרעק, ווייל דיר פעלט נישט אויס וואס יענער האט. (כתב סופר)

**די עצה ווי צו זיין צופרידן**

וְנָתַתִּי שָׁלוֹם בָּאָרֶץ וּשְׁכַבְתֶּם וְאֵין מַחֲרִיד: (כ"ו ו) לויט די הייליגע רייד פון כתב סופר –פריערט– קען מען מוסיף זיין: אז אויב א מענטש גלויבט אז דער אויבערשטער פירט אלעס און גיט פרנסה און קען דיר אויך געבן, איז מען נישט מקנא יענעם און מען שלאפט רוהיג וויסנדיג אז עס איז דא ווער עס גיט אכטונג אויף דיר. און עס איז ידוע אז שלום איז איינע פון די נעמען פון ה', ווי די גמ' שרייבט (שבת דף י ע"ב) אסור לאדם שיתן שלום לחבירו בבית המרחץ, משום שנאמר (שופטים ו כד) וַיִּקְרָא־לוֹ ה' שָׁלוֹם. דער נאמען פון אויבערשטן איז שלום. ממילא דאס שטייט וְנָתַתִּי שָׁלוֹם בָּאָרֶץ וואס שָׁלוֹם מיינט דער אויבערשטער, אז מען זאל גלויבן אז דער אויבערשטער איז אויך דא אויף דער ערד און גיט פרנסה, דעריבער וועט זיין וּשְׁכַבְתֶּם וְאֵין מַחֲרִיד, מען וועט גיין שלאפן רוהיג. (שמח זבולון תשע"ח)

**נאר א נרדף העלפט דער אויבערשטער**

וְרָדוּ בָכֶם שֹׂנְאֵיכֶם וְנַסְתֶּם וְאֵין רֹדֵף אֶתְכֶם: (כו יז) דארף מען פארשטיין וואס איז דער עונש פון וְאֵין רֹדֵף אֶתְכֶם, ווייל עס איז משמע אז מען אנטלויפט פון זיך אליין און נישט ווייל מען וויל דיר כאפן? נאר עס שטייט אין מדרש (פ' אמור כז ה) וְהָאֱלֹקִים יְבַקֵּשׁ אֶת נִרְדָּף, (קהלת ג טו) אז דער אויבערשטער ראטעוועט דער וואס מען לויפט אים נאך, און אפילו א צדיק לויפט נאך א רשע וועט דער אויבערשטער שטראפן דעם צדיק ע"כ. ממילא אויב די גויים וואלטן נאכגעלאפן די אידן, וואלטן זיי געווען א נרדף און דער אויבערשטער וועט זיך אנעמען פארן נִרְדָּף, אבער די קללה איז, מען וועט אנטלויפן אן איינעם אייך נאכלויפן, וועט מען נישט זיין א נרדף מוז מען זיי שוין נישט ראטעווען. (חנוכת התורה ר' העשל מקראקא)

**ידיעה- די אנדערע וואך פארגלייכן זיך בני א"י און בני חו"ל.**

**די וואך ליינען בני א"י בחוקתי און בני חו"ל ליינען בהר בחקתי. אין דעם קומענדיגן וואך וועלןביידע ליינען פ' במדבר. דאס איז ווייל שנת תשע"ח איז א שנה פשוטה, פארגלייכט מען יעצט כדי אלע זאלן ליינען במדבר פאר שבועות, אין א איבער יאר פארגלייכט מען זיך ערשט אין פ' מטות מסעי ווייל דעמאלטס ליינען שוין אלע סיי ווי פ' נשא פאר שבועות, איז נישטא קיין ענין צוזאמען קומען בהר בחוקתי.**

## מדור העובדות

## **** דער הייליגער אהבת ישראל פון וויזניץ פראוועט א שיינע שידוך פון אמעריקא ****

הגאון החסיד ר' חיים סנדר ניימאן זצ"ל, פון די שופרא דחברייא ביים אהבת ישראל און אמרי חיים פון וויזניץ, ער האט דערציילט אז ווען ער האט געוואוינט אין די שטאט סאטמאר האט דארט געוואוינט א פרוי וואס זי איז געווארן א יונגע אלמנה מיט א שטוב פון קינדער, און זי האט געהאט מסירת נפש און געשאפט געלט און הילף צו מחנך זיין אירע קינדער זאלן זיין עהרליכע און בני תורה, איר עלטסטער זון איז געקומען אין די יארן און זי האט געדאגה'ט וואס טוט מען מיט די ארמיי, און ווי אזוי מאכט מען אים חתונה, זי האט גענומען דעם תהלים און געוויינט צום אויבערשטן ער זאל איר העלפן. ויהי היום, און א בריוו איז אנגעקומען פון אמעריקא אז אירע א באקאנטע וואס האט זיך אריבער געצויגן דארטן האט א פיינע טאכטער און היות זיי זענען געווען אמאל שכינים און זי ווייסט אז זיי האבן א פיינע זון אין די יארן, שרייבט זי אז זיי האבן געשיקט פאר אים אַ אַפִּידֵאוִיד און א וִיזֶא קיין פרנקפורט, און זי בעט אז דער בחור זאל ארויספארן קיין אמעריקא און זיי וועלן אים אויסהאלטן. דעריבער זאל ער פריערט גיין קיין בוקארעסט און מאכן א פאספארט און נאכדעם זאל דער בחור גיין קיין פראנקפורט אפנעמען די אַפִּידֵאוִיד און וִיזֶא און זאל קומען קיין אמעריקא און מען וועט מאכן די חתונה דארטן.

די אלמנה איז איבערגליקלאך פון דעם בריוו אז דער אויבערשטער האט אויסגעהערט אירע תפילות אז יעצט וועט דער בחור שוין פטור ווערן פון די ארמיי, און ער וועט זיכער שיקן געלט פון אמעריקא און קענען ארויסהעלפן די משפחה! מיט פרייד רופט זי אריין איר זון און דערציילט אים וועגן די בריוו. דער בחור איז געווען זייער נאנט מיט ר' חיים סנדר און האט אים דערציילט וועגן די בריוו און פרעגט אים וואס ער האלט! ר' חיים סנדר טראכט און זאגט אז דו דארפסט ממילא דורך פארן דער שטאט גראסווארדיין אויפן וועג קיין בוקארעסט, ממילא האלט איך אז דו זאלסט אריינגיין צום אהבת ישראל פון וויזניץ און זיך דורכרעדן מיט אים און וואס ער זאגט זאלסטו טאן.

דער בחור האט געזאגט אז באמת דארף מען טאקע פרעגן א צדיק און זיי האבן אפגערעדט אז אויף ראש השנה וועלן זיי ביידע פארן צום אהבת ישראל און נעמען א ברכה און א הסכמה און גלייך נאכדעם וועט דער בחור פארן קיין בוקארעסט. די אלמנה האט אויך מסכים געווען דערצו און מען איז געפארן קיין גראסווארדיין אויף ראש השנה. מוצאי ראש השנה איז געווען א גרויסער עולם וואס האבן געווארט צו רעדן מיטן אהבת ישראל דעריבער האט מען אנגעזאגט אז מען זאל אלעם מאכן בקיצור. עס איז געווארן שפעט ווען עס איז אנגעקומען די רייע פון ר' חיים סנדר און דער בחור, און ר' חיים סנדר דערציילט פארן רבין וועגן שידוך אז איז עס פול מיט מעלות און פרעגט אויך אויף דעם עצם פארן קיין אמעריקא און וואס זאל מען טאן? אבער זיי זענען נשתומם געווען צו הערן די קלארע תשובה פון רבין: "קיין בוקארעסט זאל ער פארן נעמען א פַּאספארט אבער קיין פראנקפורט זאל ער נישט פארן נעמען די וִיזֶע" און ווען דער בחור האט געוואלט עפעס זאגן, האט מען זיי אוועק געשטופט פון די רייע!

דער בחור איז געווארן זייער דערשלאגן ביי זיך און געהאט א טענה אויף ר' חיים סנדר פארוואס ער האט אים מייעץ געווען גיין צום רבין, אבער ר' חיים סנדר האט אים מחזק געווען אין אמונת צדיקים אז אלעם מיינט דער צדיק נאר די טובה פון מענטש. ר' חיים סנדר האט אבער געפילט ביי זיך אז ער האט נישט געהאט גענוג צייט ארויסגעבן פארן רבין די גאנצע געשיכטע און אז מען רעדט וועגן א צובראכענע אלמנה און האט מחליט געווען ער שטעלט זיך נאכאמאל אין די רייע און ווען ער קומט צום רבין און דערציילט די גאנצע מצב און ער פירט אוים אז די נעמען שטימן אויך, די מיידל הייסט רבקה און זיין מאמע הייסט רחל! האט דער רבי זיך אנגערופן "האב איך דען געזאגט אז זי טאר נישט הייסן רבקה!" און דער רבי האט נאכאמאל געזאגט "א פַּאספארט זאל ער זיך מאכן און נישט די וויזֶע".

דער בחור האט געזען ווי שטארק דער רבי האט גערעדט האט ער שוין געגלויבט אז דער שידוך איז נישט פאר אים, איז ער געפארן קיין בוקארעסט און באשטעלט זיין פאספארט און איז צוריקגעפארן קיין סאטמאר גלייך צום שטוב פון ר' חיים סנדר און געבעטן אויב ער קען זיין ביי אים אויף סוכות כדי נישט מצער מאכן זיין מאמע און אזוי זאל מען טראכטן א עצה ווי דאס איבערגעבן פאר די מאמע וואס דער רבי האט געזאגט! ר' חיים סנדר האט מסכים געווען און זיי האבן געפראוועט א דערהויבענער יו"ט צוזאמען. ר' חיים סנדר האט מחזק געווען דעם בחור. מאת ה', יענע חול המועד סוכות באקומט ר' חיים סנדר א בריוו פון א נאנטער ידיד פון אמעריקא, ער האט א פיינער טאכטער און ער זוכט פאר איר א היימישע חסידישער בחור, און ער האט ארויסגעשיקט זיין טאכטער און זי וועט אנקומען צו אים גלייך נאך יו"ט, און שרייבט אין בריוו אויב ער וועט טרעפן דעם פאסיגן בחור האט זי מיט זיך א וִיזֶע און א שיפ'ס קארטל פארן בחור און אויך געלט פאר אלע הוצאות.

ר' חיים סנדר האט דערציילט פארן בחור וועגן בריוו און זיי האבן יעצט געזען די השגחה פארוואס ער איז געקומען צו אים אויף יו"ט. ר' חיים סנדר האט אים יעצט געזאגט צו בלייבן ביז די מיידל וועט אנקומען און אפשר איז דאס דער שידוך וואס דער רבי האט געמיינט! גלייך נאך יו"ט איז די מיידל אנגעקומען צו ר' חיים סנדר און ער איז נשתומם געווארן צו הערן אז די מיידל הייסט אויך רבקה, און ער האט באקומען א ענטפער פון רבין צו מאכן דעם שידוך.

די אלמנה האט זיך זייער געפריידט צום מיידל און דער שידוך איז געווארן. זי האט זיך געזעגנט פון איר זון. די אלמנה איז געפארן צו די חתונה אין אמעריקא, און איר בחור איז געווען זייער צופרידן פון די ווארעמע חסידישע שטוב און האט זיך איבערגעצייגט פון די דיבורים פון ר' חיים סנדר, און די הייליגע ווערטער פון אהבת ישראל "האב איך דען געזאגט אז זי טאר נישט הייסן רבקה" איז אים שטענדיג געקלונגען אין זיינע אויערן. ער איז געווען דבוק אין צדיק זענדיג זיין רוח הקודש, זיצענדיג אין גראסווארדיין און פירן א שידוך פון אמעריקא.

**_הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן_**

תהלים דפוס זיטאמיר עם אמרות טהורות מיט א שער פעלט חלק מעמדות $5000 מכתב קודש של הקדושת ציון מבאבוב הי"ד תרפ"ט מלא ברכות ה' $9000. שו"ע אורח חיים ג"ח דפוס זיטאמיר מצב מפואר $1000, ספר וואס האט באלאנגט צו הרה"צ ר' יענק'לע פשעווארסק ,$900 ספר מליצי אש ג' כרכים $200, סעט ליקוטי מהרי"א עה"ת והש"ס $150, חומש עם פירוש שם אפרים ותוצאות חיים טשערנאוויץ תרי"א $4000,, ספר משנה הלכות מיט הקדשת המחבר אונגווער רב זצ"ל צו הרה"ק ר' פנחס שלום האגער מוויזניץ זצוק"ל מיט זיין חתימה $1000 גאנצע תהלים געדרוקט אין זיטאמיר פעלט דעם שער $2000, 5 כרכים משנה ברורה עם עוד ספר מיט מוגה כת"י געקויפט פון חפץ חיים אליין $3000 שו"ת אור המאיר מיט הקדשה פון הגאון ר' מאיר שפירא מיט פיל לומדישע הגהות $3000 , ברית אברהם דפוס ראשון $1500 , דרך אמונה סיגאט ח"ב דפו"ר $700, רי"ף מיט חתימה ר' ברוך בענדיט ליכטנשטיין אביו של הרה"ק ר' הלל מקאלאמייא $5000, רי"ף עם חתימת הגאון ר' חנוך הינך המרחשת $2500 *ספר בנימין זאב באלאנגט צו תפארת שלמה ראדאמסק, חובת הלבבות שנת ש"ח מצב יפה רק חסר השער $3000, סעט ארבע טורים מצב נהדר עם כריכה ארגינלית נדפס דיהרנפורט עם חתימת הגאון ר' זרח ב"ר אבא ליפפא אב"ד בוחוף ועוד $2000, פרי עץ חיים קארעץ שייך לר' ליבר בהרב און אלטע הגהות בקבלה כת"י $2000*

**דער גליון איז לעי"נ הבחור יוסף שמואל ע"ה ב"ר צבי אלימלך נ"י, און לעי"נ ידיד נפשי המקובל הצדיק ר' מיכאל בן רחמים נימני זצ"ל כ"א תמוז תשע"ז**

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at _WWW.SEFORIMWORLD.COM_**